GREATER MANCHESTER
DOING THINGS DIFFERENTLY FOR OUR CHILDREN & YOUNG PEOPLE

**בס"ד**

# 10 עצות צו העלפן אנטוויקלען אייער קינד'ס רעדן

1. **איך קען שוין הערן נאך פון פאר איך בין אפילו געבוירן. און איך האב זייער ליב צו הערן דיין שטימע ווען דו רעדסט צו מיר.**
   - ווען איך הער דיר רעדן קען איך דיר דורכדעם דערקענען, און עס בויעט א נאנטשאפט צווישן אונז.

2. **נעם מיר ארום און האלט מיר נאנט צו דיר, כדי איך זאל קענען זעהן דיין פנים. רעד צו מיר גלייך ווען איך ווער געבוירן.**
   - איך האב זייער ליב ווען דו רעדסט צו מיר מיט א הויכע שטימע, און מיט א זינגעדיגע קול. אזוי רעדן מענטשן ארום די וועלט צו בעבי'ס, ווייל דאס העלפט אונז זיך צו אנטוויקלען.
   - איך קען טאקע נאכנישט רעדן, אבער איך האב מיין אייגענע וועג וויאזוי צו קאמיוניקירן מיט דיר.
   - איך קען צומאל שטארק קוקן אויף דיין פנים, ווי אויך קען איך רוקן מיינע ליפן ווען דו רעדסט צו מיר. אדער קען איך שאקלען מיט מיינע הענט און פיס. דאס אלעס מיינט אז איך וויל זיין נאנט מיט דיר.

3. **רעד צו מיר איבער זאכן וואס אינטערעסירן מיר, אדער פארצייל מיר וויאזוי דו טראכסט אז איך שפיר.**
   - אויב איך קוק, אדער טייטל מיט די פינגער אויף עפעס, דעמאלסט ביטע רעדט צו מיר איבער די זאך אויף וואס איך ווייז דיר, ווייל דאס וועט מיר ווייזן אז דו פארשטייסט מיר.

## 4. איגנאריר מיר נישט.

- ערוואקסענע מענטשן, קענען גוט רעדן, און איך לערן מיר אסאך פון זיי.
- לייג אראפ דיין טעלעפאון, לעש אויס דיין קאמפיוטער, און לאמיר כאפן א שמועס.
- עס איז מיר געשמאק דיר צו אויסהערן, און איך קען דיר בעסער הערן ווען עס איז שטיל ארום מיר. דאס וועט מיר העלפן זיך צו אויסלערנען וויאזוי צו קענען גוט רעדן, און גוט צוהערן צו אנדערע.

## 5. איך האב זייער ליב ווען מיר שפילן, זינגען, און ליינען ביכער צוזאמען.

- מיר קענען שפילן מיט סיי וואס, עס דארף נישט זיין קיין שפילצייג. מיר קענען מאכן אינטערעסאנטע פַּאקסן, אדער שפילן מיט קארבארד באקס.
- ווען איך שפיל, לאז מיר פירן די שפיל, ווייל דאס העלפט מיר צו נוצן מיין אימעדשענעישן.
- ענדערשט רעדט צו מיר איבער וואס איך טוה, ווי איידער פרעגן שאלות. ווען דו טוסט דאס וועל איך רעדן מער.
- ווען מיר ליינען מעשיות צוזאמען, העלפט עס מיר זיך צו לערנען נייע ווערטער.
- איך האב זייער ליב ווען מיר רעדן איבער די מעשה, בשעת'ן איבערמישן די בלעטער, און ווייז מיר אויך די בילדער.

## 6. רעדט צו מיר א גאנצן צייט.

- רעד צו מיר ווען מיר שפילן, און ווען מיר טוהן טאג טעגליכע זאכן, א שטייגער ווי איינקויפן, ווען איך האב א באד, ווען דו טוישט מיר, אדער ווען מיר עסן.
- עס שטערט מיר נישט אז דו זאגסט איבער ווערטער איינמאל און נאכאמאל. דאס איז וויאזוי איך לערן מיר.

## 7. שפיל רעדן טעני"ס מיט מיר.

- זאג עפעס צו מיר און געב מיר געוגג צייט צו צוריק ענטפערן.
- עס קען העלפן אז דו ציילסט ביז 10 אין דיין מחשבה, פאר דו רעדסט ווייטער. דאס לערנט מיר וויאזוי זיך איינצוטיילן.

- אפילו ווען איך בין נאר א בעיבי האב איך שוין ליב צו שפילן רעדן טעני"ס. קוק ארויס פאר מיין שמייכל, מיין קול, און מיין בליק צו דיר. דאס איז מיין וועג וויאזוי איך רעד צו דיר. ווען איך ווער עלטער וועל איך אנהייבן צו נוצן ווערטער.

**8. לערן מיר אויס נייע ווערטער: זאג מיר נאך, און לייג צו נאך ווערטער.**

- דו קענסט מיר העלפן צו אנטוויקלען מיין רעדן דורך נאכזאגן וואס איך זאג, און צולייגן איינס אדער צוויי נייע ווערטער.
- דאס איז וויאזוי איך לערן זיך צו צוזאמשטעלן ווערטער. אויב איך זאג "קאר" קענסטו צולייגן "דו שטופסט די קאר", אדער "די קאר פארט".

**9. נעם ארויס מיין צומי ווען איך רעד.**

- מיין צומי שטייט מיר אין וועג ווען איך פרוביר צו רעדן. און עס האלט מיר אפ פון רעדן קלאר.

**10. ווען דו רעדסט צו מיר אינדערהיים, נוץ די שפראך מיט וואס דו ביסט די מערסטע באקוועם צו רעדן מיט מיר.**

- דאס וועט העלפן צו אנטוויקלען מיין מוח, און אויב איך קען שוין די ווערטער פון אינדערהיים, וועל איך שנעלער זיך קענען דערלערנען דיין שפראך.